# תורת יואל

גליון מס' 31

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

## פרשת שמיני תשפ"ה

## ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ד', וירא אליכם כבוד ד' (ט, ו')

מדרש ילקוט שטייט: **אמר להן משה לישראל**, משה רבינו זאגט פאר די אידן, **אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם**, <u>דעם יצר הרע</u> זאלט עטץ ארויסווארפן פון ענקערע הערצער.

פרעגט דער רבי, וואס וויל דער מדרש מיט די ווארט <u>אותו</u>, איז דען דא עטליכע סארט יצר הרע'ס?

ברענגט דער רבי זי"ע צו אן **אור החיים הק'** פון פרשת אחרי, ווי ער איז זאגט, אז נדב און אביהוא זענען געשטארבן ווייל זיי האבן זיך דערנענטערט צום הייליגען באשעפער מיט א מורא'דיגע <u>התקרבות - נאנטשאפט</u>, **עד כלות**, און אפי' זיי האבן געוואוסט אז זיי קענען שטארבן, אעפ"כ האבן זיי זיך נישט אפגעהאלטן.

איז דער רבי מסביר, אז דאס איז געווען די <u>עצת היצר</u>, ווייל דער טאג פון **הקמת המשכן** האבן זיי געהאט אזא התגלות פון קדושה, אז זיי האבן געהאט א תשוקה - גליסטונג צו גיין נענטער צו השי"ת, וואס דאס איז געווען פיתוי היצר.

פארשטייט זיך - פיהרט אויס דער רבי - אז אזוינע יצה"ר איז נאר דא ביי זייער גרויסע לייט, צו געווענליכע מענטשען וועט דער יצה"ר אנרעדן צו סתם גראבע עבירות.

משה האט געווארנט: **זה הדבר אשר צוה ד'**, דער רצון ד' איז <u>נישט ארייננצוגיין אין אוהל מועד</u>, און דאס איז פשט אין מדרש, **אותו** <u>דער יצר</u> וואס איז דא ביי געהויבענע מענטשען, און שטופט נישט צו פאלגען, אפי' מיט עהרליכע כוונות, <u>דער יצר</u> **תעבירו:** זאלט איר אויך ארויסווארפן פון ענקערע הערצער.

### ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

## מנהג:

### - שבת געהלע מצות -

דער שבת נאך פסח רופט מען אזוי, **טעמו:** אין חידושי הרי"ם שטייט א טעם, ווייל קריעת ים סוף איז געווען מיטוואך, אין שבת איז מען אנגעקומען קיין מרה, ווי דער וואסער איז געווען גרין/געהל, לזכר הייסט דער שבת "שבת געהלע מצות", אין קאמארנע איז געווען דער מנהג צו עסן מצות געפרעגלט אין אייער.

דער אלכסנדר רבי זצ"ל אין ישמח ישראל ברענגט בשם דער קאזניצער מגיד, אז ס'איז א טעות העולם, אין דער ריכטיגער נאמען איז "שבת גאולה מצות".

**אבותינו ורבותינו** האבן זיך געפיהרט צו באקן א שליסל חלה, אדער צו לעכערן די חלה מיט א שליסל, ווי ס'ווערט געברענגט פון דעם הייליגען אפטער רב זצ"ל, (לקוטים) און זאגט צוויי טעמים, 1) אום יו"ט פסח זענען די שערים אפען, און מאכן זיך צו נאך יו"ט, און כדי צו האלטן אפען, לעכערט מען מיט א שליסל, 2) מיר ציילן ספירה 49 טעג, אנטקעגן די שערי בינה, און יעדער שער האט א שלאס, <u>לזכר</u> לעכערט מען די חלה מיט א שליסל, ס'זאל האבן א צורת מפתח.

אויך ווערט געברענגט, די אידן האבן געגעסן די מן ביז איצט, ביז הקרבת העומר דעם צווייטן טאג פסח, נאך פסח האבן די אידן מתפלל געווען ס'זאל זיך **עפענען די שערי הפרנסה.**

לכבוד דעם יארצייט פון רבי'ן בעל ברך משה (כ"ו ניסן), האבן מיר זיך אראפגעזעצט מיט מיין חשוב'ע שווער ר' חיים יושע זאל זיין געזונד, און אויפ'געפרישט זכרונות פון 60-50 יאר צוריק, ווען די געלבשטיין משפחה, זענען געוועןנאנטע שכנים מיט די סיגוט'ער רב משפחה, סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין די קאנטרי, בנוסף וואס די געלבשטיין משפחה מיטן זיידן הר"ר אברהם צבי ז"ל, זענען געווען קביעת'דיגע מתפללים אין ביהמ"ד עצי חיים סיגוט.

עס דערציילן אידן, זומער-איינוואוינער'ס אין די קאנטרי, ס'איז געווען א קורת רוח און תענוג רוחני מיטצונעמען דעם רבי'ן, אויף א נסיעה פון-און-צו די קאנטרי, מיט בטעמ'טע שמועסן, זכרונות פון אמאל, לאורך הדרך.

פארציילט ר' חיים יושע, איינמאל אויף אזא נסיעה האט דער רבי ערוועגט די געשיכטע מיט די סעמיהאלי און זענטא רבנות, און פארציילט ווי פאלגדונג:

מיין טאטע דער הייליגער **עצי חיים** איז נסתלק געווארן זעהר יונג, ו' **שבט תרפ"ו**, איך בין דאן געווען א קינד פון אומגעפעהר 10 יאה, נאך די פטירה בין איך אסאך געפארן צו מיין גרויסער פעטער, נאך דאן געווען קראלער רב, און אסאך פארברענגט אין קראלי, מ'האט מיך גערופן דארט משה'לע סיגעטער, צו מיין בר מצוה, האט דער פעטער מיר געגעבן א מתנה דאס **רבנות אין סעמיהאלי**, וואס איז געווען אין די גלילות פון סאטמאר, כ'האב זיך באדאנקט, כאטש כ'האב נישט געוואוסט וואס מען טוט דערמיט.

**ה' שבט תרצ"ו:** איז די רעבעצין פון רביה"ק בזוו"ר נסתלק געווארן, דערציילט ווייטער דער רבי, איך מיט מיין ברודער ר' זלמן לייבעלע און מיין שוואגער דער קלויזענבורגער רב, זענען מיר געפארן קיין סאטמאר מנחם אבל זיין, ביים געזעגענען זאגט דער פעטער צו מיר, אפשר בלייבסטו אויף שבת? כ'האב נישט געקענט בלייבן אויף שבת, איך בין צוריקגעקומען אויף קומענדיגן שבת - פרשת בא.

דער פעטער האט געשמועסט מיט מיר פריוואט, צווישן אנדערע האט דער פעטער מיר געזאגט אזוי: זעהסט דאך וואס דא איז געשען, די רעבעצין האט טאקע געקרענקט א לענגערע צייט, איך האב געהאפט צום באשעפער אז זי וועט קומען צו די כוחות, ליידער פון הימל האט מען אנדערש באשערט אין איר שוואך הארץ האט נישט איבערגעטראגן, פארשטייסט אליין אז איך וועל מוזן נאכאמאל חתונה האבן, און איך מוז מסדר זיין מיין איידעם ליפא'לע מיט א רבנות פאסטן, איך האט אזוי אנגעקוקט דעם פעטער וואס קען איך דא העלפן, אין דער פעטער זאגט ווייטער: גיב מיר צוריק סעמיהאלי און איך וועל דיר **שוין געבן און געבן**, וואס ווי באקאנט איז די הבטחה נתקיים געווארן במילואו, ברבות העיתים ווען דער רבי דער ברך משה איז נתעלה געווארן אלס ממלא מקום פון רביה"ק בקהילות הקודש סאטמאר.

* * *

**זענטא** איז געווען א בעל בית'שער שטאט, רובו ככולו יראי ד', אן עהרליכער ציבור, מערסטענס פון אשכנזי'שן אפשטאם, אויך האבן געוואוינט היפש חסידישע אידן וואס האבן געהאט אן אייגענעם שטיבל, רביה"ק פלעגט דארט פראווענען א שבת יערליך.

דער זענטער רב איז געווען דאן **הרה"ג ר' משה יודא לעבאוויטש ז"ל**, וואס איז געווען שוין אין די עלטערע יארן, אין די קהילה האט געזוכט א יונגער רב וואס זאל הייבן די כח הקדושה קעגן די נעעלאגען.

די ראשי קהילה האבן זיך געוואנדען צו רביה"ק, און דער רבי האט זיי מציע געווען זיין ברודער'ס א זוהן, וואס איז נאך געווען א בחור דאן, אויף וואס די קהילה האט מסכים געווען, אבער אפיציעל זיך באזעצן אין זענטא איז דער רבי געקומען הערשט נאך די פטירה פון דעם פריערדיגען רב, (נפטר ח' כסליו תש"א).

אין זענטא האט אויך געוואוינט **הרה"ג אליעזר יעקב רויזניץ ז"ל**, מחבר ספרי קול יעקב, וואס האט געדינט אלץ דיין ותופס ישיבה אין די שטאט, און אויך געווען דער מגיד משרים פאר די שטאט.

האט פארציילט הר"ר אברהם צבי געלבשטיין ז"ל א יליד זענטא, די מעשה: דער סדר אין זענטא איז געווען, ערב יו"כ איז מען געגאנגען צום רב זיך געזעגענען, וואס איז געווען א שטארקע הכנסה פאר די שטוב, אזוי ווי דער רב איז געווען די לעצטע יארן כלוא בבית, האט זיך דער עולם געזעגנט ביים דיין הר"ר ר' אליעזר יעקב.

די ערשטע יאר וואס דער רבי בעל **ברך משה** האט געפראוועט די ימים נוראים אין זענטא, האט זיך דער עולם געזעגנט עיו"כ ביים נייעם רב, און איניגע גוטע אידן זענען אויך אריבער צום דיין, און פאר א נאנטען ידיד האט זיך דער דיין אזוי מתמרמר געווען, אז די הכנסה איז שוואך ווייל דער ציבור איז ווי פארשטענדליך געגאנגען צום רב.

אויפדערנאכט פאר כל נדרי, זעהט מען דעם דיין אינעם חסידי'שן שטיבעל, זוכענדיג עימיצען, וואס געוועגליך דאווענט דער דיין אין שטאטישן בית המדרש, ענדליך טרעפט ער דעם ידיד, און זאגט אים **חלילה וחלילה** ער זאל איבערדערציילן אז ער האט זיך מתמרמר געווען, וואס איז געשען, פרעגט דער ידיד? ענטפערט דער דיין, פארן זמן איז אריבער געקומען דער נייער רב, און זאגט מיר: איך האט מורא אז איר האט חלישת הדעת, ווייל דער עולם איז נישט געקומען היינט צו אייך, לאמיר זיך טיילן מיט די הכנסה, אין ער האט איבער געלאזט א שיינעם סכום, און דער דיין לייגט צו, דער האלבער סכום איז געווען פיל מער ווי די געוועגליכע יערליכע הכנסה.

* * *

דער **ברך משה** האט געהאט א זכי' צו זיין אויפן יארצייט אין צאנז (כ"ה ניסן) ווען דער ראצפערטער זיידע, **הרה"ק ר' שלום אליעזר זצ"ל**, האט אים מיטגענומען אלס יונגער בחור, און האט דארטען געזעהן עטליכע קינדער פון הייליגן צאנזער רב זצ"ל, און שטענדיג דערציילט מיט געגועין פון די נסיעה.

ס'איז ווערט איבערצוגעבן א הייליגע מעשה פון צאנזער רב זצ"ל, געהערט פון דעם באקאנטען מגיד ומשפיע **הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א**, וואס האט באשטעטיגט די מעשה מיט אייניקלעך פון דעם בעל המעשה.

עס איז געקומען צום צאנזער רב א איד בעטן אויף קינדער, שוין דורך אסאך יארן און נאכנישט געהאלפן געווארן מיט זש"ק, צאנזער רב לייענט דעם קוויטל און זאגט דעם איד, יעך קען דיר נישט העלפן, נאר אליהו הנביא קען דיר העלפן

דער איד פארט אהיים, און שטארק מתפלל געווען אויף א ישועה, פסח ביינאכט ביי **שפוך חמתך**, ער עפנט אויף די טיר, און א אמאליגער גויאישער שכן וואס ער האט שוין נישט געזען זיבן יאר, שפאצירט אריין, דער איד האט זיך נישט פארלוירן און זאגט **שלום עליך מורי ורבי**, דער גוי ענטפערט נישט, דער איד זאגט דער צאנזער רב האט מיך געשיקט צו אייך פאר קינדער, איצט האט ער געענטפערט, און פרעגט דעם איד, **וויפיל קינדער ווילסטו**? זאגט דער איד: **12 זוהן און איין מיידל**, אזוי ווי יעקב אבינו, ענטפערט אלי' הנביא, **11 זוהן מיט א מיידל קען איך יעצט**, פארשטייט זיך אז דער איד האט מסכים געווען, און אלי' הנביא האט אנגעוואונטשען, און פארשוואונדען געווארן כהרף עין.

**כברכתו כן הי':** דער איד האט געהאט 11 זוהן און 1 מיידל, און די מיידל האט ער א נאמען געגעבן **געלא**, לזכר אז ער האט געהאט **גילו אלי'**.

**זבותם יגן עלינו**